STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04960

SHIR ASHIRIM

Permanent preservation of this book was made possible
by Irene, Peter & Lawrence Genco
in memory of Joseph Genco
& in honor of Frances Genco

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם בעקער

שיר השירים

אקדמות

חד גדיא

אברהם בעקער

שיר השירים
אקדמות
חד גדיא

פרייַע איבערזעצונג אין יידיש
אין פערזן

פאַרלאַג "התקווה"
תל־אביב תשמ"ד 1984

ABRAHAM BACKER

Song of Songs
Akdamut
Had Gadya

Translated into Yiddish

© Copyright 1984
All rights reserved

אַלע רעכט געהערן דעם מחבר
כל הזכויות שמורות למחבר

נדפס בישראל תשמ״ד

סידור והדפסה דפוס משה חמיאל. תל־אביב. טל. 330555

שיר השירים

הקדמה

„שיר השירים" איז איינע פון די פינף מגילות, וואָס גייען אַריין אין די כתובים, דעם באַשטאַנדטייל פון תנ"ך (תורה, נביאים, כתובים).

„שיר השירים" האָט מען אין טראַדיציאָנעלן יידיש גע־טייטשט דאָס געזאַנג פון אַלע געזאַנגען, ד. ה., אַז דאָס איז דאָס בעסטע און דערהויבנסטע פון אַלע געזאַנגען. מ'קאָן עס אויך טייטשן פשוט: אַ זאַמלונג פון לידער. אין דער איבער־שריפט זאָגט זיך „שיר השירים אשר לשלמה", האָט די מסורה אָנגענומען, אַז שלמה המלך איז געווען דער מחבר פון די שירים. אָבער אַזאַ שטעלונג שטימט נישט מיט דער קריטישער, וויסנשאַפטלעכער פאַרשונג פון דעם טעקסט.

לויט דער לעצטער איז אָנצונעמען, אַז דאָס דאָזיקע ווערק איז גיכער אַ זאַמלונג פון עטלעכע, פאַרשידענע לידער, וואָס זענען צונויפגעשטעלט מעגלעך בימי שלמה (970—930 פאַר דער נייער ערע) און אים געוואָרן געווידמעט, אָדער זיי זענען געוואָרן קאָמפּילירט אין אַ שפּעטערער צייט און צוגעשריבן אויף זיין נאָמען, כדי זיי צוצוגעבן אַ קעניגלעכע חשיבות.

ס'איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז צווישן די לידער געפינט זיך אויך אַ טייל פון שלמה'ס שאַפונג אַליין, לויט דער באַשרייבונג וועגן אים ...״ויהי שירו חמשה ואלף״ ד. ה., אַז ער איז געווען דער מחבר פון טויזנט און פינף שירים (מלכים א, ה׳, 12).

דער פילאָלאָגישער אַנאַליז באַווייזט, אַז די דאָזיקע לידער, אָפּשטאַמיקע פון די גאָר אַלטע צייטן און אין מויל פון פאָלק בסדר שפּראַכלעך געענדערטע, זענען פאַרצייכנט געוואָרן שריפטלעך, וואַרשיינלעך טיילווייז, ערשט אין די צייטן פון מלך חזקיה (720—690 פנ״ע) און אין זייער לעצטער, קאָמפּלעטער פאָרעם, ווייזט אויס, נאָך שפּעטער, קען זיין, אין דער צייט פון דער פּטאָלאָמעישער הערשאַפט אין יהודה (332—140 פנ״ע), אויף וואָס עס זאָגן עדות די ווערטער אפּיריון, וואָס שטאַמט פון גריכיש און פרדס — פון פערסיש.

אין "שיר השירים" האָבן מיר אַ בינטל לידער וועגן אַ פּרייער, פלאַמיקער ליבע צווישן אַ מאַן און אַ פרוי. דער מאַן דאָס איז אַ שיינער פאַסטוך. (לויט אַ געוויסער אינטערפּרע־טאַציע — דער קעניג אַליין, פאַרשטעלט פאַר אַ רועה צאן). די פרוי דאָס איז אַמאָל אַ פאַסטוכקע, אַמאָל אַ היטערין פון ווייגגערטנער, אַמאָל אַן אייגנטימערין פון אַ ווייגגאָרטן און אַן אַנדערש מאָל אַ בת־נדיב, אַ רייכע ירושלימער טאָכטער.

אין דער גאַנצער מגילה רופט זי איר געליבטן נישט ביים נאָמען, נאָר — דוד (פריינד) און ער רופט די געליבטע — רעיה (פריינדין), כלה און שוועסטער־כלה און בלויז איין מאָל שולמית. דאָס קאָן אויך מיינען אַן אָפּשטאַמיקע פון ירושלים. לויטן תרגום אונקלוס פיגורירט איר נאָמען נישט שולמית, נאָר שונמית ד. ה. אַן אָפּשטאַמיקע פון דעם אָרט שונם (אגב, פון וואַנען ס'איז געבראַכט געוואָרן אבישג השונמית פאַר דוד המלך, ווען ער איז אַלט געוואָרן).

מערקווירדיק, אַז אין דער גאַנצער פּאָעמע געפינט זיך נישט קיין שום רעליגיעזער עלעמענט, נישט דער נאָמען פון גאָט, נישט די תורה, נישט דאָס בית־המקדש, נישט קיין אַנדערע פאָלקס־הייליקייט. די געליבטע זענען באַהערשט בלויז מיט איין געפיל, אַ געפיל פון זייער שטאַרקער, ליידנשאַפט־לעכער ליבע, וואָס פילט אויס אַלע קעמערלעך פון זייער וועזן, נישט איבערלאָזנדיק קיין פלאַץ פאַר קיין שום אַנדערער זאַך. די הערלעכע באַשרייבונגען פון דער נאַטור דינען אויך נאָר אַלס ראַם און קאַנווע, אויף וועלכער עס שפיגלט זיך אָפּ זייער ליבע־דראַמע.

די פּאָעמע אין גאַנצן איז אַ מזמור שיר, נישט בלויז פון דער נאַטירלעכער, אָפענער און אויפריכטיקער, אומשולדיקער און ריינער ליבע, נאָר אויך פון דער ארץ־ישראלדיקער לאַנד־שאַפט, פון פייזאַזש און קלימאַט, פון די חיות און פלאַנצן, פון די בשׂמים און ריחות פון די בלומען און דיביימער. די פּאָעזיע פון דער נאַטור איז אַזוי צונויפגעפלאָכטן מיט דער פּאָעזיע פון דער ליבע, אַז די ליבע גופא באַקומט אַ דער־הויבענעם קאָסמישן כאַראַקטער און ווערט הייליק און געטלעך.

די שירים, ווי געזאָגט, זענען געווען פאָלקסלידער פון די גאָר אַלטע צייטן און זענען וואַרשיינלעך געזונגען געוואָרן ביי די פאָלקס־פאַרווײלונגען, וועגן וועלכע עס ווערט דער־ציילט אין תלמוד (תענית כ״ו, 2 און ל״א, 1), דהיינו: אין די ימים־טובים פון ט״ו באב און יום כּיפּור פלעגן די יידישע טעכטער אַרויסגיין אין די וויינגערטנער און מיט טאַנץ און געזאַנג אַרויסרופן די מענער זיי זאָלן זיך אויסקלויבן פון זיי כלות. ס׳איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די לידער זענען גע־ווען פון ליבע, לוסטיקייט און פון אַ גליקלעך פאַמיליע־לעבן. אַזעלכע לידער זענען טאַקע אויך געזונגען געוואָרן בעת חתונה־פייערלעכקייטן.

ס׳איז אַ סברה, אַז בעת די טענץ אין די וויינגערטנער זענען געזונגען געוואָרן די לידער פון ״שיר השירים״, ווי עס ווערט טאַקע ביי די באַשרייבונגען אין דער גמרא געבראַכט אַ פּסוק פון דער פּאָעמע (פּרק ג׳, סוף), אין אונדזער איבער־זעצונג: ״גייט אַרויס ציונס טעכטער און קוקט זיך גוט איין אין קעניג שלמה׳ס קרוין...״ און אפשר איז אויך פאַראַן אַ רמז צו די טענץ אין דער מגילה אַליין (פּרק ז׳, 1), אין אונדזער איבערזעצונג: ...״ביסט ווי אַ טענצערין...״

אַזעלכע טענץ און מסתמא אויך מיט דער באַגלייטונג פון געזאַנג און מוזיק זענען אויף אַ געוויסן אופן געוואָרן פאַרבונדן מיט אַ רעליגיעזן יום־טוב, ווי עס ווערט דערציילט אין ספר שופטים (כ״א, 19־21) : ״הנה חג השם בשילו מימים ימימה... וראיתם... אם יצאו בנות שילו לחול במחולות ויצאתם מן הכרמים וחטפתם לכם איש אשתו...״, ד. ה. מיט אַנדערע ווערטער, אַז אין אַ פייערונג פאַר גאָט אין שילו, וואָס פלעגט פאָרקומען יעדעס יאָר, זינט גאָר אַלטע צייטן, זענען די טעכ־טער פון שילו אַרויסגעגאַנגען אין טענץ אין די ווייַנגערטנער און דאָרט האָט מען זיי געקענט כאַפּן פאַר ווייבער. (אַגב, אַן ענלעכער מנהג האָט אויך עקזיסטירט ביי אַנדערע פעלקער, ווי למשל דאָס פאַרכאַפּן די סאַבינאַס).

אַזוי אַרום האָבן די דאָזיקע טענץ געהאַט סיי אַ געזעל־שאַפטלעכע און סיי אַ רעליגיעזע אויפגאַבע.

די שירים, זייענדיק אַ באַשטאַנדטייל פון אַ רעליגיעזער צערעמאָניע, זענען זיי אַליין שוין אויך פאַרהייליקט געוואָרן, נאָך מער ווען זיי האָבן געטראָגן אויף זיך דעם קעניגלעכן טיטל פון שלמה, אויף וועלכן ס׳ווערט געזאָגט ״ויחכם מכל האדם״, אַז ער איז געווען דער קלוגסטער פון אַלע מענטשן (ספר מלכים א, ה׳ 11). און אַלס אַזעלכע זענען זיי שוין אויך געוואָרן אַן אָביעקט פון אַלעגאָרישע אויסטייטשונגען, אַ קוואַל פון מיסטישע רמזים און פאַנטאַסטישע קאָמבינאַציעס.

און דאָך האָבן די חכמים נאָך אַלץ געצווייפלט אין זייער סאַקראַלן באַדייט און זיך געוואַקלט זיי אַריינצונעמען אין די כתבי הקודש. ערשט דער גרויסער תנא רבי עקיבא האָט דעצידירט, אַז מ׳זאָל די דאָזיקע פּאָעמע יאָ איינשליסן אין די כתובים, אַלס אַ פּאַרפאַסטע מיטן רוח הקודש. קען זיין, אַז רבי עקיבא מיט זיין שאַרפן מוח און ראָמאַנטישער נשמה האָט אין דער פּאָעטישער שאַפונג תופס געווען נישט בלויז

אַלעגאָרישע סימבאָלן פון די באַציִונגען צווישן גאָט און דער כנסת ישראל און פון דער עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק אין זיין עבר, הוה און עתיד, נאָר אויך די הייליקייט, וואָס באַהויכט די פשוטע, תמימותדיקע ווערטער פון ״שיר השירים״. איז דאָך די אמתע ליבע דער עיקר העיקרים און דער יסוד פון דער גאַנצער בריאה, דער סם־החיים און דער מאָטאָר פון קיום פון מענטשלעכן מין. די תורה און די יידישע וועלט־אַנשויונג באַרעכטיקט און באַפעסטיקט דאָס לעבן. ביי יידן איז נישטאָ קיין צעליבאַט און קיין מאָנאַסטירן מיט נזירים און נזירות. די תורה האָט באַפוילן: ״על כן יעזב איש את אביו ואת אמו ודבק באשתו״ (בראשית, ב׳, 24) ד. ה. אַ מאַן דאַרף פאַרלאָזן זיין עלטערנס היים און זיך פאַרבינדן מיט אַ פרוי, כדי צו שאַפן אַן אייגענע היים, אויפשטעלן אַ משפחה און אַזוי אַרום ממשיך זיין דעם קיום פון יידישן פאָלק.

ס׳איז אויך אַ פסיכאָלאָגישע דערשיינונג, אַז אין אַן אויסגעאיידלטער, דערהויבענער און אידעאַלער ליבע, גרעַ־נעצט זיך, מישט זיך צונויף און אידענטיפיצירט זיך די עראָטי־שע דערפאַרונג מיט דער רעליגיעזער איבערלעבעניש אין איין הייליקן, הימלישן עקסטאַז.

מ׳דאַרף געדענקען, אַז אויך די נביאים האָבן אָפּט פאַר־גליכן די פאַרהעלטעניש צווישן עם ישראל און אלוה ישראל צו אַ פאַרהעלטעניש צווישן אַ חתן און אַ כלה, צ.ב. ״זכרתי לך חסד נעוריך, אהבת כלולותיך, לכתך אחרי במדבר בארץ לא זרועה״ ד.ה. ״איך געדענק דיר די פריינדלעכקייט פון דיין יוגנט, די ליבע פון דיין פאַרלאָבונגס־צייט, ווען דו ביסט מיר נאָכגעגאַנגען אין דעם מדבר, אין אַ לאַנד, וואָס איז נישט פאַרזייעט״ (ירמיה, ב׳, 1־2), אָדער: ״וארשׂתיך לי לעולם, וארשׂתיך לי בצדק ובמשפט״ אאַז״וו. ד.ה. ״כ׳וועל דיר פאַר־קנסן צו מיר אויף אייביק...״ אאַז״וו (הושע, ב׳, 21).

רבי עקיבא האָט געזען אין ״שיר השירים״ אַ מיסטישע און הייליקע קראַפט און ער האָט דערקלערט: ״אֵין כל העולם כדאי כיום שניתן בו שיר השירים לישראל, שכל הכתובים קודש ושיר השירים קודש קדשים״, (לויט דער משנה ידים, פרק ג׳, און לויט ילקוט שמעוני, רמז תתק״פ: ״כל השירים קדש ושיר השירים קדש קדשים״) ד.ה. ״די גאַנצע וועלט איז נישט אַזוי וויכטיק, ווי דער טאָג, ווען ס׳איז געגעבן גע־וואָרן שיר השירים צו די יידן, ווייל אַלע שריפטן (לויט דער צווייטער ווערסיע, אַלע שירים) זענען הייליק, אָבער שיר השירים איז אַמהייליקסטן״.

נאָך דער קאַנאָניזירונג פון דעם ווערק, איז נאָך מער אָנגעגאַנגען די אַלעגאָרישע אויסטייטשונג פון זיינע פסוקים און די קבלה האָט דאָ באַזונדערס געפונען אַ ברייט פעלד פאַר מיסטישע רמזים און אַנטפּלעקונגען. אויך די קריסט־לעכע רעליגיע האָט אָנגענומען שיר השירים פאַר אַן אַלעגאָ־ריע פון די באַציִונגען צווישן גאָט אָדער יעזוס און דער קריסטלעכער קירך.

אָבער די ביבל־פאָרשער מיט זייער קריטישן אויג און פרייַען געדאַנק זעען אין דער פּאָעמע בעיקר אַ טייערע פּערל פון דער אַלטער העברעיִשער לירישער פאָלקס־שאַפונג, וואָס איז אויך אַ זעלטן שיין ליטעראַריש קונסטווערק — אַן אידי־ליע, אַ פּאַסטאָראַלע, ענלעך צו אַזעלכע בוקאָליק־לידער ביי אַנדערע פעלקער און הויפּטזאַכלעך צו די פון דעם גריכישן פּאָעט טעאָקריט (3־טער יאָרהונדערט פאַר דער נייער ערע).

אַחוץ די אויבן אָנגעגעבענע מאָטיוון פון דער פאַרהיי־
ליקונג פון „שיר השירים״, האָבן מן הסתם אויך געווירקט
די פאָלגנדיקע: א) די דאָזיקע פּאָעמע איז אין אַ גרויסער
מאָס מסוגל צו שטאַרקן די פאַרבינדונג פון פאָלק מיט זיין
ערד. זי האָט אים געוויזן דאָס אַזוי שיינע און ריינע אידילישע
לעבן אויף דער שויס פון דער נאַטור. ב) זי האָט געדאַרפט
דערוועקן ביי די יידן אין גלות אַ בענקשאַפט און ליבע צו
ארץ־ישראל, וואָס איז פאַרגעשטעלט אין ראָזע פאַרבן. נישטאָ
קיין יאָך, קיין אונטערדריקונג, נישט קיין טיראַן, נישט קיין
רדיפות און נישט קיין גזירות. אין קעגנטייל, דאָ הערשט אַן
אומבאַגרענעצטע פרייהייט, אַ שלווה און אַ גענוס פונעם
לעבן. ג) דאָס פאָלק אין לאַנד, וואָס איז געווען שטאַרק
צעבראָכן און פאַרצווייפלט נאָכן חורבן, האָט אין די לידער
פון פרייד און לעבנס־לוסט געקענט געפינען די נויטיקע
טרייסט און האָפענונג פון אַ „חדש ימינו כקדם״. ד) מעגלעך
אויך, אַז די הערלעכע **נאַציאָנאַלע** לידער, טאַקע נאַטוראַ־
ליסטישע, אָבער תמימותדיקע, האָבן געדאַרפט זיין אַ מיטל
פון קעגנווירקונג צו די דעמאָלס אַזוי שטאַרק פאַרשפרייטע
אין לאַנד גריכישע נאַטור־ און ליבע־לידער.

ס׳איז נישט איבעריק צוצוגעבן, אַז "שיר השירים" ליפערט אויך אַ רייכן מאַטעריאַל פאַר דער נאַטור־פאָרשונג אויפן געביט פון באָטאַניק, זאָאָלאָגיע אאַז״ו און איז אויך אַן אינס־פּיראַציע־קוואַל פאַר גרויסע פּאָעטן און שרייבער כמעט פון אַלע פעלקער.

*

די קאָמפּאָזיציע פון "שיר השירים" איז אַ גאַנץ איינ־פּאַכע. די ווירקנדיקע פּערזאָנען זענען: דער געליבטער און די געליבטע. ס׳ווערן נאָר דערמאָנט די ברידער, אַ שוועסטערל און די מוטער פון דער געליבטער, ווי אויך די טעכטער פון ירושלים און די שטאָט־וועכטער.

דער פּלאַץ פון דער האַנדלונג איז בעיקר די נאַטור, די לאַנקעס, אויף וועלכע ס׳פּיטערן זיך די שעפּסעלעך און ציגע־לעך, די וויינגערטנער און די סעדער, די דערפער און אויך צו מאָל דער געליבטערס היים, דאָס הויז פון איר מוטער.

די באַשרייבונג פון שלמה המלך׳ס בעט אַאַז״ו וואָס אויבנאויפיק שאַפט זי אַ דיסאָנאַנץ צום גאַנצן טעקסט, זעט אויס צו זיין איינע פון די פאַרשפּרייטע דערציילונגען און לעגענדעס וועגן דעם לוקסוסאַרטיקן לעבן פון דעם רייכסטן און קלוגסטן יידישן מלך. די פאַסטוכער דערציילן זיך איבער די ״מעשׂיות״, כדי צו פאַרברענגען די צייט און אפשר דערביי אויך צו מאַכן אַן אָנדייט אויף זייער פּשוט, באַשיידן, אָבער רואיק און גליקלעך לעבן. זעכציק סאָלדאַטן, גיבורים, באַ־וואָפנטע, היטן דעם קעניג ביי נאַכט, ס׳זאָל אים חלילה קיין בייז נישט געשען, אָבער זיי, די פּראָסטע פאַסטוכער, זיי קענען שלאָפן רואיק און זאָרגלאָז, און דאַרפן נישט קיין שום שמירה.

די איבערזעצונג האָב איך געמאַכט אין פּערזן, אין אַ פרייען, היינטצייטיקן יידיש מיטן צוועק, אַז אַ מאָדערנער יידיש־לייענער זאָל אויך קענען געניסן פון דער שיינער פאָעטישער שאַפונג.

פאַראַנקערט אין אָריגינעלן טעקסט, האָב איך זיך באַמיט איבערצוגעבן דעם עיקרדיקן אינהאַלט און דעם זין פון דער שילדערונג. און כדי דער טעקסט זאָל זיין פאַרשטענדלעך, האָב איך אַריינגעפירט אַ געוויסע אינאָוואַציע, דהיינו: די דירעקטע אָנטיילנעמער אין דיאַלאָג האָב איך באַצייכנט ער און זי און די זייטיקע ווענדונגען אָדער רעפערענצן — מיטן וואָרט אַפּאַרט.

מיין איינציקער שׂכר וועט זיין, ווען כ׳וועל האָבן באַוויזן אַרויסצוברענגען כאָטשבי אין אַ געוויסער מדרגה די הימלי־שע הייך פון דער פּאָעטישער קראַפט און פון דער מיסטישער הייליקייט, וואָס שוועבט איבער די פשוטע, אָבער אַזוי סוגעס־טיווע און איינדרוקספולע ווערטער פון דעם אייביקן ״געזאַנג פון די געזאַנגען״.

שיר השירים

קאַפּיטל 1

זי :

קוש מיך, געליבטער מײַן !
דײַן ליבע בעסער איז פון ווײַן.
ס'שמעקן גוט דיינע איילן, פּערפומען,
אָבער נאָך בעסער — דיין נאָמען.
פרויען ליבן דיך דעריבער,
מײַן ליבער ! מײַן ליבער !
צי מיך צו דיר, אין קעניגס הויפן
וועלן מיר ביידע אַרײַנלויפן.
פריילעך וועלן מיר זײַן צוזאַמען,
מער פון ווײַן, דײַן ליבע דערמאָנען.
אויפריכטיק ליב איך דיך אַליין.

(אַפּאַרט):
שוואַרץ בין איך, אָבער שיין.
אָ, זעט מיך נישט ווי קיין
אמתע שוואַרצינקע, ניין!
דאָס האָט מיך דער זונענשײַן
אָפּגעברענט מיט אַזאַ חן.
די ברידער, אָ ירושלים־טעכטער,
האָבן מיך געמאַכט פאַר אַ וועכטער
פרעמדע ווײַנגערטנער צו היטן,
אָבער מײַן אייגענעם, האָב׳ך אויסגעמיטן.
זאָג מיר נאָר, געליבטער מײַן,
וווּ וועסטו מיטיק־צײַט זײַן?
נאָך וואָס זאָל איך
ווי אַ וואַנדלעריין זײַן
און איבער די סטאַדעס
פון דײַנע פרײַנד אַרומגיין?

ער:

אויב דו ווייסט עס נאָך ניט
דו, פון פרויען די שענסטע, אַליין,
טאָ גיי נאָך די שעפּסן־טריט,
און די ציגעלעך דײַנע פּיטער
ביז צו די ווינערטער
פון די פּאַסטוכער, סטאַדעס־היטער.
כ׳וויל דיר, פרײַנדין מײַנע, זאָגן:
צו אַ פערדעלע פון פרעה׳ס רײַטוואָגן
ביסטו מיט דײַן גראַציע גלײַך.
באַצירט זענען רײַך
דײַנע שיינע בעקעלעך

און דער האַלדז דייַנער —
מיט שנורעלעך פּערעלעך.
מיר וועלן דיר נאָך מאַכן
גאָר שיינע זאַכן,
גאָלדענע קייטעלעך
מיט זילבער־פּינטעלעך.

זי:
דער גערוך פון מײַנע נאַרד־בלומען
איז ביזן קעניגס פּאַלאַץ אָנגעקומען.
אַ בינטל מירע, וואָס רוט
אויף מײַן ברוסט
איז מײַן געליבטער מיר.
ווי אַ ציפּערן־שטענגל פון אַ קוסט
אין עין־גדי־גערטנער פון טרויבן,
איז מײַן געליבטער מיר.

ער:
דו ביסט שיין, פרײַנדין מײַן,
דו ביסט מלא חן.
דײַנע אויגן — צוויי טויבן.

זי:
דו ביסט אָנגענעם און שיין,
טײַערער, געליבטער מײַן.
פריש איז אונדזער געלעגער און ווייך,
צעדערן — די באַלקנס אין דער הייך,
די ווענט — פון ציפּרעס־האָלץ,
ליב איז מיר אַלץ, אַלץ!

קאַפּיטל 2

זי:

איך בין פון שרון אַ ליליע
פון די טאָלן — אַ רויז.
אונדזער ליבע — אַן אידיליע
אין אונדזער הויז.

ער:

ווי צווישן די דערנער — אַ רויז,
איז צווישן די טעכטער —
די פרייַנדין מייַן
די איינציקע בלויז.

זי:
ווי אַן עפּלבוים
צווישן וואַלדביימער —
אַזוי איז דער געליבטער מײַן
צווישן די זין איינער אַליין.
אין זײַן שאָטן גלוסט זיך צו זיצן,
אונטער זײַנע צווײַגן זיך שיצן,
זײַן פּרוכט איז זיס צום געניסן.
ער האָט מיך אין ווײַנהויז געבראַכט
אונטער דער פאָן פון ליבשאַפט,
דערקוויקט מיך מיט טרויבן־זאַפט,
דערפרישט מיך מיט עפּל־געטראַנק,
ווײַל איך בין פון ליבע קראַנק.
די לינקע האַנט זײַן
האַלט אונטער דעם קאָפּ מײַן
און די רעכטע —
נעמט אַרום מיך אַליין.

(אַפּאַרט):

ירושלים־טעכטער, מײַן באַגערן,
אַז איר זאָלט מיך אויסהערן:
אויף די הירשן און אינדן
וועל איך אײַך באַשווערן,
מײַן ליבע נישט אויפרייצן,
נישט אויפוועקן, נישט שטערן,
ביז זי וועט אַליין רײַף ווערן
און איר ציל באַגערן.
איך הער די שטים פון געליבטן,
אָט, אָט, קומט ער,
איבער בערג שפּרינגט ער.
ווי אַ הירש אָדער אַ יונגער אינד,
איז מײַן געליבטער געשווינד.
ער שטייט שוין אונטער דער וואַנט
פון אונדזער הויז,
דורך די פענצטער קוקט ער אויס.

ס׳האָט זיך אָפּגערופן מײַן געליבטער
און אַזוי געזאָגט צו מיר:
— ״שטיי אויף, מײַן שיינע געליבטע
און גיי צוריק צו דיר!
ווײַל צום ווינטער איז געקומען אַן עק,
די רעגנצײַט איז שוין אַוועק,
בלי׳ונגען האָבן זיך שוין באַוויזן אין לאַנד,
ס׳איז שוין די צײַט פון פייגל־געזאַנג,
פון טורטלטויבס וואָרקן אין אונדזער לאַנד.
דער פייגנבוים האָט אויפגעבליט זײַן פרוכט
אויך די קליינע טרויבן גיבן שוין דופט.
שטיי אויף, מײַן שיינע געליבטע,
און גיי שוין אַוועק פון דײַן געליבטן!״ —

ער:
מײַן טײַבעלע שיינס
אין די שפּאַלטן פון ·שטיין,
ווײַז מיר דעם אויסזען דײַן,
לאָז מיך הערן די שטימע דײַן,
וואָרעם זי איז זיס, שיין.
אויך דײַן אויסזען איז מלא חן.

(אַפּאַרט):
כאַפּט אונדז די פיקסן,
די פיקסלער, וואָס זענען נאָך קליין,
זיי פאַרדאַרבן אונדזערע גערטנער פון ווײַן.

זי:

דער געליבטער איז מײַן
און איך בין זײַן
ביז דער טאָג וועט אויפגיין
און וועט די שאָטנס צעשטרייען.
אויף דו, מײַן געליבטער,
גלײַך ווי אַ הירש אָדער אַן אינד,
איבער די צעשפּאָלטענע בערג, פֿאַרשווינד!

קאַפּיטל 3

זי:

ווען איך האָב בײַ נאַכט
אויף מײַן געלעגער אויפגעוואַכט,
האָב איך אַרומגעזוכט
דעם, וואָס האָט מײַן האַרץ געוווּנען.
איך האָב אים געזוכט,
אָבער אים נישט געפונען.
לאָמיך־זשע אויפשטיין
און אין שטאָט אַרומגיין,
אין די גאַסן, אין די מערק.
אפשר האָט מען אים באַמערקט?
האָבן מיך די וועכטער אָנגעטראָפן,
די, וואָס גייען אַרום אין שטאָט.

— "האָט איר אפשר געזען גראָד
דעם פון מײַן בענקען און האָפן ?" —
קוים בין איך פון זיי אַנטלאָפן
האָב איך באַלד געפונען
דעם, וואָס האָט מײַן האַרץ געוווּנען.
איך האָב אים פעסט אָנגענומען
און שוין נישט אָפּגעלאָזט מער
ביז כ׳האָב אים מיטגענומען
און געבראַכט אַהיים, אַהער
גלײַך אין הויז פון מײַן מוטער
דער געטרײַער און גוטער.

(אַפּאַרט):
ירושלימער טעכטער, מײַן באַגערן,
אַז איר זאָלט מיך אויסהערן:
אויף די הירשן און הינדן
וועל איך אײַך באַשווערן,
מײַן ליבע נישט אויפרייצן,
נישט אויפוועקן, נישט שטערן,
ביז זי וועט אַליין רײַף ווערן
און איר ציל באַגערן!

ער:
ווער איז זי דאָרט,
וואָס קומט פון מדבר־אָרט,
אַזוי ווי זײַלן פון רויך
באַשמעקט מיט מירע און ווײַרויך
און מיט אַלערליי פּודערן אויך?

(אַפּאַרט):

קוקט זיך אײַן און זעט!
דאָס איז שלמה׳ס בעט,
אַרום אים זעכציק ישׂראל-העלדן,
מיט שווערדן אויף די לענדן,
היטן דעם קעניג בײַ נאַכט
פֿאַר יעטוועדן פֿאַרדאַכט.
זײַן הימלבעט האָט זיך געמאַכט
דער קעניג פֿון לבנון-צעדערן
די זײַלן זענען זילבערנע,
די לײַסטן זענען גילדערנע,
דער אויסבעט איז אַ פּורפּורנער,
דער אינערן איז אַ געפּלאַסטערטער
מיט דער ליבע פֿון ירושלימער טעכטער.

גייט אַרויס, טעכטער פון ציון,
און קוקט זיך גוט איַין
אין קעניג שלמה׳ס קרוין,
וואָס זיַין מוטער האָט אים געקריינט
אין טאָג, ווען מ׳האָט זיַין חתונה געגרייט,
אין טאָג פון זיַין האַרציקער פרייד.

קאַפּיטל 4

ער:
דו ביסט שיין,
געליבטע מײַן.
ווי טויבן — די אויגן דײַנע
אונטער די צעפּעלער די שיינע,
און די האָר דײַנע
גליטשן זיך אַראָפּ, אַראָפּ,
ווי פון גלעד־באַרג די שאָף.
אויך דײַנע ציין
זענען מלא חן,
ווי אויסגעוואַשן, ריין,
ווי צווילינג־גלײַך אויסגעשטעלט
און נישט קיין איינער פעלט.
ווי צוויי רויטע שנורעלער
זענען דײַנע ליפּן־שורהלער,
אויך שיין זענען דײַנע ריידעלער.

ווי אַ שטיק מילגרוים רײַף
איז דײַן שלייף
אונטער דײַנע צעפּעלעך.
דײַן האַלדז ווי דודס טורעם
געבויט הויך און פעסט
קעגן יעדן שטורעם.
דײַנע צוויי בריסטעלעך
זענען ווי יונגע הירשעלעך,
אַ צווילינג פון איין מוטער,
וואָס צווישן רויזן זיך פּיטערט.
ביז דער טאָג וועט אויפגיין
און די שאָטנס צעשטרייען,
וועל איך צום באַרג פון מירע
און פון ווייַרויך אַרויפגיין.
ביסט אין גאַנצן שיין,
אָ, געליבטע מײַן,
אָן קיין פעלער, אָן קיין!

מיט מיר כלה, מיט מיר
ווערסטו קומען פון לבנון,
ווערסט אַראָפּקוקן פון אמנה,
פון שפּיץ פון שניר און חרמון,
פון די לייבן־גריבער
און די בערג פון טיגער.
האָסט מײַן האַרץ צו דיר צוגעצויגן
מיט איין בליק פון דײַנע אויגן.
מיט איין שנורל פון דײַן האַלדזבאַנד
האָסטו מײַן האַרץ צוגעבונדן
פעסט אין דײַן האַנט.
ווי שיין איז די ליבע דײַן,
שוועסטער־כלה מײַן!
דײַן ליבע בעסער איז פון ווײַן.

דער גערוך פון דײַנע פּערפומען
בעסער איז פון אַלערלײ בשׂמים.
כּלה, דײַנע ליפּן
זיסקײט טריפן.
זאָגן דיר וויל איך,
אַז האָניק און מילך —
אונטער דער צונג דײַנער,
און פון די קליידער דײַנע
— אַ שמעקנדיקער דופט
ווי פון לבנון די לופט.

אַ פֿאַרשלאָסענער גאָרטן,
אַ פֿאַרזיגלטע קוועלע
איז מײַן שוועסטער־כּלה.
אַ מילגרוים־גאָרטן
מיט זיסע פּרוכטן,
נאַרד און קאַמפֿאָר,
זאַפֿראַן און ראָר,
צימרינג און מירע־בלומען
און די בעסטע בשׂמים.
אין גאָרטן איז אַ ברונעם
מיט פֿריש וואַסער
און טײַכלעך רינען
גלײַך פֿון לבנון.

זי:

דערוואַך צפון־ווינט!
און קום דרום־ווינט!
בלאָזט אויפֿן גאָרטן מײַן!
זײַנע פּערפֿומען זאָלן פֿליסן,
זאָל דער געליבטער מײַן
אין דעם גאָרטן זײַן
פֿון די טײַערסטע פּרוכטן געניסן!

קאַפּיטל 5

ער:

אין מײַן גאָרטן בין איך געקומען,
שוועסטער־כּלה מײַן.
איך האָב געריסן מירע, בלומען
אויך האָב איך געגעסן דאָרט
מײַן מילך און האָניק־טאָרט
און געטרונקען מײַן
שטאַרקן ווײַן.

(אַפּאַרט):

עסט, חברים, מיט מיר!
טרינקט, פרײַנד, מיט מיר!

זי:

ס'איז שוין שפּעט אין דער נאַכט.
איך שלאָף און מײַן האַרץ וואַכט.
מײַן געליבטער קלאַפּט אין טיר
— "עפן, שוועסטער, מיר!
עפן, געליבטע, מיר!
עפן, אומשולדיקע טויב!
מײַן קאָפּ איז פול מיט טוי,
פון מײַנע לאָקן
טריפן נאַכט־טראָפּן" —
כ'האָב שוין מײַן העמד אויסגעטאָן,
ווי קאָן איך עס ווידער אָנטאָן?
כ'האָב געוואַשן די פיס מײַנע,
ווי קאָן איך זיי מאַכן אומריינע?

ווען דער געליבטער מײַן
האָט די האַנט זײַן
דורכן טירלאָך אַרײַנגעשטעקט,
האָט זיך בײַ מיר מיטלײַד דערוועקט.
בין איך אויפגעשטאַנען
פון מײַן בעט
און צוגעגאַנגען
צו דער טיר.
מיט הענט, פעט
פונעם אייל פון מיר,
האָב איך מײַן געליבטן
געעפנט די טיר.
אָבער מײַן געליבטער
איז שוין אַוועק
אויף אַן אַנדערן וועג.

מײַן נשמה איז מיר אויסגעגאַנגען,
ווען ס'האָט גערעדט צו מיר,
דער וואָס האָט מײַן האַרץ געוווּנען.
איך האָב אים געזוכט,
אָבער מער נישט געפונען.
איך האָב אים גערופן בײַם נאָמען,
אָבער קיין ענטפער נישט באַקומען.
פול מיט צער און כּעס,
בין איך אַרויס אין גאַס.
האָבן מיך אָנגעטראָפן גראָד
די וועכטער פון דער שטאָט.
זײ האָבן מיך געשלאָגן, געשמיסן
און מײַן שאַל פון מיר אַראָפּגעריסן.
אַ פאַרוווּנדעטע פון די וועכטער
באַשווער איך אײַך, ירושלימער טעכטער:

אברהם בעקער

ווען איר וועט געפינען מײַן געליבטן,
וואָס איך זוך שוין אַזוי לאַנג,
זאָגט אים, אַז כ׳בין פון ליבע קראַנק.
— ״מיט וואָס איז דײַן געליבטער
בעסער פון אַנדערע געליבטע,
זאָג, דו, די שענסטע צווישן פרויען,
וואָס האָסט אונדז אַזוי באַשווירן ?״ —
מײַן געליבטער איז ראָזע און קלאָר,
אויסגעצייכנט צווישן פיל טויזנטער.
פײַן גינגאָלד איז זײַן קאָפּ,
געקרײַזלטע זענען זײַנע האָר,
שוואַרצע ווי דער ראָב.
זײַנע אויגן ווי די טויבן,
וואָס איבערן וואַסער־ברעג זיך הויבן.

אין מילך־ווײַסל באָדן זיך זײַנע אויגן,
וואָס האָבן מיך צו אים צוגעצויגן.
זײַנע באַקן, ווי בייטן פון בלומען,
ווי טורעמלעך פון שמעקנדיקע בשׂמים.
ווי רויזן זענען זײַנע ליפּן,
וואָס פליסיקע מירע טריפן.
זײַנע הענט ווי גאָלדענע וואַלצן,
באַזעצט מיט קריזאָליטן.
זײַנע לענדן — עלפאַנטביין
באַדעקט מיט סאַפּירשטיין.

זײַנע שענקלען — מאַרמאָרענע זײלן,
געשטעלטע אויף גאָלדענע שוועלן,
אַ פונדאַמענט אַ פעסטער.
זײַן אויסזען איז ווי דער בעסטער
פון די צעדערן פון לבנון.
גאָלע זיסקייט איז זײַן גומען
און ער אין גאַנצן איז אָנגענומען.
אָט דאָס איז דער געליבטער מײַן,
און אַזוי איז דער פרײַנד מײַן,
זײַט וויסן, טעכטער פון ירושלים!

קאַפּיטל 6

זי:

די ירושלים־טעכטער גיבן מיך אַ פּרעג:
— "ווו איז דײַן געליבטער אַוועק?
וווּאַהין, אויף וועלכן וועג?
אויף וועלכן ראָג?
דו, צווישן פרויען די שענסטע,
זאָג אונדז, זאָג,
אים זוכן וועלן מיר
צוזאַמען מיט דיר!" —
מײַן געליבטער איז אין זײַן גאָרטן געגאַנגען
צו די בייטן פון די שמעקנדיקע בשׂמים,
צו אַרומשפּאַצירן איבער די גערטנער
און אויפקלײַבן רויזן־בלומען.
דער געליבטער איז נאָר מײַן
און איך בין נאָר זײַן!

ער:

פרייַנדין מיַין, געליבטע מיַין,
ווי די שטאָט תרצה ביסטו שיין.
ווי ירושלים, ביסטו מלא חן.
ווי פאָנען־טרעגער פון סאָלדאַטן־ראָט,
אַזוי וועקסטו פורכט, אימת־הכּבוד.
ווענד אָפּ פון מיר דיַינע אויגן,
וואָס האָבן מיך צוגעצויגן!
דיַינע האָר גליטשן זיך אַראָפּ, אַראָפּ,
ווי פון גלעד־באַרג די שאָף.
ווי די שעפעלעך אויסגעבאָדן, ריין,
זענען דיַינע שיינע ציין,
ווי צווילינג־גליַיך אויסגעשטעלט
און נישט קיין איינער פעלט.
ווי אַ שטיק מילגרוים ריַיף,
איז אונטער די צעפּעלעך דיַין שלייף.

קעניגינס איז פֿאַראַן זעכציק,
קעבסווייַבער איז דאָ אַכציק
און יונגפֿרויען — אָן אַ צאָל,
אָבער נאָר איינע, טאַקע נאָר איינע,
איז די אומשולדיקע טויב מייַנע.
טעבטער האָבן זי געזען און געריימט,
קעניגינס און קעבסווייַבער — געלויבט.
זאָגט, ווער איז זי די,
וואָס זעט אויס
ווי דער מאָרגן־פֿרי,
וואָס איז ווי די לבנה שיין,
וואָס איז ווי די זון קלאָר, ריין,
וואָס וועקט פֿורכט, אימת־הכּבוד,
ווי די פֿאָן־טרעגער פֿון סאָלדאַטן־ראָט?

כ׳בין אין נוס־גאָרטן אַראָפּגעגאַנגען
צו זען די גרינס פון טאָל,
צי האָט נישט אַמאָל
שוין דער ווײַנשטאָק געבליט,
צי האָבן די מילגרוימען צעצוויט.

קאַפּיטל 7

ער:

קער זיך צוריק, קער זיך אום,
אָ, שולמית מײַן!
מיר'ן דיך באַקוקן אַרום און אַרום
און באַוווּנדערן דעם אויסזען דײַן.
מיר וועלן אין דיר דערזען גרינג,
אַז ביסט ווי אַ טענצערין פלינק.
דײַנע שיך־טריט זענען שיין,
איידעלע טאָכטער מײַן.
די רונדע היפּטן דײַן
זענען ווי אַ קונסטווערק פײַן.
דײַן נאָפּל איז באַזונדער
ווי אַ בעכער אַ רונדער
מיט אַ שטאַרקן ווײַן.

דיַין בויך, פול מיט רייץ,
איז ווי אַ הייפל ווייץ
מיט אַ בינטל רויזן באַדעקט,
וואָס אַזוי גוט שמעקט.
דיַינע בריסטעלער,
די צוויי —
אַ צווילינג הירשעלער
זענען זיי.
דיַין האַלדז — שטאַרק און שיין,
ווי אַ טורעם פון עלפאַנטביין.
דיַינע אויגן ווי די טיַיכלער גראָד
פון דער חשבון שטאָט.
דיַין נאָז זעט אויס
געטאָקט און געפורעמט
ווי דער טורעם
פון לבנון
וואָס קוקט אויס
צו דמשׂק, אין צפון.

ווי דער כּרמל, אַזוי שיין
איז דער קאָפּ דײַן,
און ווי קעניגלעכער פּורפּור —
אײַנגעפלאָכטן אין לאָקן — דײַנע האָר.
ווי שיין ביסטו!
ווי אָנגענעם ביסטו!
אַ פאַרגעניגן דײַן ליבשאַפט,
אַ געניס, אַ זיסקייט!
דײַן געשטאַלט און הייך
איז צו פּאַלמעבוים גלײַך.
כ׳האָב מיר אין האַרצן געזאָגט:

כ׳וועל אויף דער פּאַלמע אַרויפשטייַגן
און אָננעמען אירע צווייַגן.
זאָלן נאָר די בריסטן דייַן
ווי שטענגלער טרויבן זייַן!
און פון דייַן אָטעם דער ריח
זאָל שמעקן ווי עפּל גלייַך
און דער גומען דייַן
— ווי גוטער וויַין,
וואָס געפעלט דעם געליבטן,
און וואָס מאַכט רעדעוודיקע
די ליפּן פון די שלעפעריקע.

זי :
איך געהער צום געליבטן מײַן
און צו מיר איז דאָס גלוסטן זײַן.
קום, קום געליבטער מײַן,
לאָמיר אין פעלד אַרויסגיין !
אין דערפער אין די נעכט זײַן,
אין פרימאָרגנס אין ווײַנגערטנער גיין,
זען, צי האָט שוין דער ווײַנשטאָק געבליט,
צי האָבן שוין די מילגרוימען צעצוויט.
דאָרט וועל איך דיר מײַן ליבע געבן.
די ליבע־בלומען האָבן שוין אַרויסגעגעבן
זייערע מחיהדיקע דופטן,
און ממש בײַ אונדזער טיר
זענען אַלערליי זיסע פרוכטן.
נײַע און אויך אַלטע
האָב איך באַהאַלטן
מײַן געליבטער, פאַר דיר !

קאַפּיטל 8

זי:

אוי וואָלט איך געוואָלט
זאָלסט מיר אַ ברודער זײַן,
וואָס האָט געזויגן די ברוסט
אויך פון דער מוטער מײַן.
כ׳וואָלט דיך אָפן געקושט
אין מיטן גאַס פאַר אַלעם,
קיינער וואָלט מיך נישט באַפאַלן
און קיין איינער נישט פאַראַכט.
איך וואָלט דיך געבראַכט
אין הויז פון דער מוטער מײַן,
געגעבן טרינקען פון געקאָכטן ווײַן
און פון מילגרוימען־זאַפט.
די לינקע האַנט זײַן
האַלט אונטער דעם קאָפּ מײַן
און די רעכטע —
נעמט אַרום מיך אַליין.

(אַפּאַרט):

ירושלימער טעכטער, מײַן באַגערן,
איר זאָלט מיך אויסהערן,
װעל איך אײַך באַשװערן:
מײַן ליבע נישט אויפרײצן,
נישט אויפװעקן, נישט שטערן,
ביז זי װעט אַלײן רײַף װערן
און איר ציל באַגערן!

ער:

װער איז זי דאָרט,
װאָס קומט פון מדבר־אָרט
טוליענדיק זיך צו איר געליבטן?

זי :

אונטערן עפּלבוים האָב׳ך דיך אויפגעוואַכט
דאָרט, ווו ס׳האָט געוויייטיקט דייַן מוטער,
ווען זי האָט דיך אויף דער וועלט געבראַכט.
פאַרזיגל מייַן ליבע אויף דייַן האַרצן,
אויף דייַן אָרעם, אויף דיר אין גאַנצן !
שטאַרק ווי דער טויט איז די ליבע,
האַרט ווי דער אָפּגרונט איז די קנאה.
אירע פונקען ווי פון פייַער זענען,
וואָס קענען אַלץ פאַרברענען.
פילע וואַסערן קענען נישט די ליבע פאַרלעשן
און טייַכן קענען זי נישט פאַרשווענקען.
זאָל ווער זייַן גאַנץ פאַרמעגן אַוועקשענקען
מייַן ליבע צו אים אָפּצוקערן,
וועט ער נאָר שטאַרק פאַראַכט ווערן.

(אַפּאַרט):
אַ שוועסטער האָבן מיר אַ קליינע,
בריסטן האָט זי נאָך נישט קיינע.
וואָס זאָלן מיר טאָן פאַר איר,
ווען מ׳וועט רעדן אַ שידוך איר?
איז זי אַ גאַנצע, אַ פעסטע מויער,
אַ קאָסטבאַרן פּאַלאַץ וועלן מיר
אויפבויען פאַר איר.
אָבער אויב זי איז אַן אָפענע טיר,
מיט אַ צעדער־ברעט וועלן מיר
אַ צוים מאַכן אַרום איר.

זי:
איך בין שטאַרק ווי אַ מויער
און מײַנע בריסטן — ווי טורעמס.
זײַענדיק אין געליבטנס אָרעמס,
בין איך אין זײַן אויגן־בליק,
ווי אַ געפינעריין פון שלווה און גליק.

(אַפּאַרט):

שלמה האָט אַ ווײַנגאָרטן געהאַט,
האָט ער אים די היטערס פֿאַרפּאַכט,
יעדער האָט פֿאַר די פּרוכטן זײַן
טויזנט זילבערשטיק געבראַכט.
אָבער דער ווײַנגאָרטן מײַן
איז טײַערער בײַ מיר,
צוויי הונדערט זילבערשטיק
ווערט נאָך מער.

ער:

דו, וואָס אין די גערטנער זיצסט
און פרײַנד האָבן דײַן שטים גערן,
לאָז אויך מיך איצט
דײַן לעצט וואָרט הערן!

זי:

אַנטלויף, מײַן געליבטער,
ווי אַ הירש אָדער אַן אינד,
אויף די בשׂמים־בערג, פאַרשווינד!

אקדמות

אַריינפירוואָרט

„אקדמות״, אַ מיסטיש־רעליגיעזע פּאָעמע, געבראַכט אין אַ טייל מחזורים פון שבועות, איז געשריבן אין אַראַמעיִש און באַשטייט פון 90 שורות, וואָס אַלע ענדיקן זיך מיט דער זילבע **תא**, למשל, שותא ורשותא אדג״ל. יעדע צוויי שורות הייבן זיך אָן פון אַן אות פון אלף־בית, לויטן סדר פון דעם זעלבן, צום ביישפּיל, אקדמות, אולא, בבבי, בברי אאָז״וו. נאָכן אלף־בית קומען די שורות, וואָס שאַפן אַן אַקראָסטיך, ד. ה. זייערע אָנהייב־אותיות געלייענט ווערטיקאַל שטעלן צונויף דעם נאָמען פון מחבר **מאיר ביר רבי יצחק** און פון דער ברכה „יגדל בתורה ובמעשים טובים, אמן וחזק ואמץ״ (ד. ה. מאיר זון פון יצחק, ער זאָל זיין גרויס אין לערנען און אין גוטע מעשים, אָמן און זײַ גאָר שטאַרק).

דער דאָזיקער מחבר האָט געלעבט אין 11־טן יאָרהונדערט און איז געווען אַ חזן, אַ שליח־ציבור, אין וואָרמס, דייטש־לאַנד.

דער באַהאַנדלטער חיבור באַשטייט פון דריי טיילן: אין ערשטן — האָבן מיר אַ הימען, אַ לויב־געזאַנג פאַר דעם אַלמעכטיקן, אין צווייטן — די באַציִונגען צווישן די אומות העולם און די יידן, וואָס ווערן דורך זיי גערודפט און אויך געלאָקט צו שמד, און אין דריטן טייל — די פאַרגיטיקונג פאַר די יידן "לעתיד לבוא".

די שירה "אקדמות" שטיצט זיך אויפן תנ"ך און אויפן תּלמוד: בבא בתרא עד, עמ' ב און עה, עמ' א; ברכות לד, עמ' ב און לז, עמ' ב; חגיגה יג, עמ' ב און יד, עמ' א; חולין צא, עמ' ב; סוכּה מה, עמ' ב; תּענית כה, עמ' א און לא, סוף מסכתּא, ווי אויך אויף מדרש ויקרא רבה, פּרשה יג, עמ' ג און אַנדערע.

די דאָזיקע פּאָעמע ווערט געלייענט אין די אַשכּנזישע בתי־תפילה, דעם ערשטן טאָג שבועות פאַר קריאת־התורה.

אקדמות

אײדער איך װעל אָנהײבן מײַן הלל־שיר,
אַ דערלױבעניש װיל איך בעטן פֿאַר מיר.
װען אַלע הימלען זאָלן װערן פּאַרמעטן,
װען אַלע װעלדער זאָלן װערן פּענען,
װען טינט — זאָלן װערן אַלע טײַכן, ימען,
און אַלע מענטשן פֿון דער װעלט צוזאַמען
זאָלן װערן גרױסע שרײַבער און פּאָעטן,
װעט מען אױך נישט באַשרײַבן קענען
גאָטס פּראַכט,
גאָטס מאַכט,
גאָטס עפּיטעטן.

גאָט אַליין האָט די גאַנצע וועלט
בלויז אין זעקס טעג אויפגעשטעלט
אַזוי לײַכט, אַזוי פלינק,
אָן מי, אָן מאַטער, גאָר גרינג.
מיטן הויך פון איין איינציק אות,
דאָס לײַכטסטע, דאָס אָן אַ האַפט,
האָט רבון עולם אַ זאָג געטאָן
און ס׳איז געוואָרן דער באַשאַף.
איצט זיצט ער אויפן הייליקן טראָן,
אויף פעסטע יסודות אויפגעשטעלט,
מיט דער ליכט פון דער גאַנצער וועלט
איז זײַן אָרעאָל באַשײַנט, באַהעלט.

אַן אַרמיי, אַ גאַנצע, רבוא אלפים
מיט זעקס פליגל באַדעקטע מלאכים,
די כּרובים און די שׂרפים,
שטייען גרייט דעם האַרס באַפעל
אויסצופירן געשווינד און שנעל.
מיט אַ גערויש ווי פון ברייטע ימען,
פון טײַכן גרויסע, טיפע אָקעאַנען,
מיט פײַלן־בויגנס גיכקייט,
מיט אָדלער־פלי שנעלקייט
און מיט אַ הייליקן ציטער און מורא
פילן זיי אויס די שליחות פון בורא.

אין אַלע שפּראַכן, אויך אין דער שטיל,
מיט הויכע קולות און אויך אין געבריל,
לויבן די מלאכים גאָטס פּראַכט,
בענטשן די משרתי הכּבוד זײַן מאַכט.
אָבער נאָר איין מאָל אין אַ יאָר זיבן
די זכיה זיי האָבן פונעם נאָמען, דעם ליבן.
בלויז דער גורל פון ישׂראלס קינדער
איז אים טײַערער, מער ליבער.
מיט אמונה טון די בני־ישׂראל
בעטן צו גאָט טעגלעך צוויי מאָל,
און מיט טיפן דאַנק
לויב און געזאַנג
דערציילן גאָטס וווּנדער.

די גוים, אויך מלכים אין די קרוינען,
פרעגן די ייִדן און שטוינען:
"ווער איז ער, וועמען איר טוט אַזוי גלייבן,
פֿאַר אים טוט איר אַזוי פיל ליַידן,
זיצן אַפילו צווישן לעמפּערטן און לייבן?
קום צו אונדז, ייִדישע אומה,
טיַיערע, שיינע, חכמה!
ווער נאָר צו אונדז גליַיך,
ווען מיר דיך מאַכן ריַיך.
מיר וועלן דיך האַלדן און ערן
און דערפילן אַלע דיַינע באַגערן".
ענטפערט זיי די ייִדישע אומה,
די ערלעכע, די שטאָלצע, חכמה:

„מיר ווילן נישט הערן אײַערע לאָקנדיקע רייד.
אײַער גרויסקייט — וואָס פאַר אַ באַדײַט
האָט אַקעגן דעם, וואָס פאַר אונדז איז אָנגעגרייט,
ווען קומען וועט די שעה פון טרייסט,
ווען פאַר אונדז וועט קומען די נחמה,
און פאַר די רשעים, די שׂונאים — די נקמה.
ווען אַלע גלותן אײַנזאַמלען וועט גאָט
אין ירושלים, זײַן הייליקער שטאָט".
אַ חופּה פון דער שענסטער פּראַכט,
פּאַרטיק, גרייט געמאַכט
ער אַליין, זײַן מאַיעסטעט,
אויף די ייִדן אויסשפּרייטן וועט.
אויף גינגאָלדענע שטולן
מיט טרעפּלעך זיבן,
וועלן די צדיקים זיצן מסובין.

זיי וועלן קוועלן פון נחת און פרייד
פון אַלעם, וואָס פאַר זיי איז געגרייט.
אַזאַ גלאַנץ, אַזאַ פּראַכט,
האָבן אַפילו די נביאים נישט געדאַכט,
נישט זיך פאַרגעשטעלט, נישט געטראַכט.
אין גן־עדן וועלן די צדיקים שפּאַצירן
די שכינה אַליין וועט זיי אין אַ טאַנץ פירן.
דער לויתן מיטן שור־הבר פון בראשית־צייַטן
וועלן מיט זיך שטרייַטן, שלאָגן בייַ די זייַטן.

וועט גאָט מיט זײַן גרויסער שווערד זיי בײדע טייטן
און אַ געשמאַקע סעודה פאַר די צדיקים אָנגרייטן
אויף אַ טיש מיט פערל און דימענטן פאַרשפרייטן.
פונעם גן־עדן־טײַך, דעם נישט ווײַטן,
וועט זיך בוימל ווי וואַסער גיסן,
אויך דער ווײַן, נאָך פון די בראשית־צײַטן
וועט פאַר די גערעכטע לײַט זײַן צום געניסן.
זאָלן מיר בכן אַ לויב־געזאַנג דעם אויבערשטן געבן,
וואָס האָט אונדז אויסדערווײלט און די תורה געגעבן!

חד גדיא

פאָרוואָרט

"חד גדיא", געשריבן אין אַראַמעיִש, איז דערשינען אין דרוק צום ערשטן מאָל אין פּראָג אין 1590, אין די אַשכנזישע הגדות, מעגלעך כּדי צו פאַרוויילן די קינדער, זיי זאָלן נישט איינשלאָפן ביים סדר.

דאָס ליד שטאַמט, ווייזט אויס, פון אַ קריסטלעכן מקור. די זעלבע טעמאַטיק געפינט זיך אין דער ליטעראַטור און אין פאָלקלאָר פון אַ ריי פעלקער, סיי פון מזרח, סיי פון מערב.

לויט דער פאָרעם, איז "חד גדיא" ענלעך צו אַזעלכע פּאָפּולערע דייטשע פאָלקסלידער. (קאָהלער און קאָהוט, Jewish Encyclopedia ב. V, ז' 73 און ב. VI, ז' 128). דער לייט־מאָטיוו פון "חד גדיא" איז, אַז "די וועלט איז נישט קיין פּוסטע קרעטשמע", נאָר ס'איז פאַראַן אַ דין און ס'איז פאַראַן אַ דיין. דער זעלבער פּרינציפּ פון אַזאַ אַבסאָלוטער גערעכטי־קייט איז אויך אַרויסגעזאָגט געוואָרן דורך דעם באַרימטן תנא הלל: "אַל דאַטפת אַטפוך וסוף מטיפיך יטופון", ד. ה. ווייל דו האָסט יענעם דערטרונקען, ביסטו אַליין אויך דערטרונקען געוואָרן און צום סוף, די וועלכע האָבן דיך דערטרונקען, וועלן אַליין דערטרונקען ווערן (פּרקי אבות, ה', ז).

פאַראַן אויך אַן אַלעגאָרישער קאָמענטאַר. דאָס ציגעלע, דאָס איז דאָס יידישע פאָלק, וואָס ווערט אויך אַמאָל פאַר־גליכן צו אַ שעפּעלע, אָדער צו שאָף, ווי למשל דער אויסדרוק "צאן קדושים", אָדער "צאן לטבח". די אַלע אַנדערע סימ־באָלן: די קאַץ, דער הונט אאַז"וו, דאָס זענען די פאַרשידענע אומות, וואָס האָבן זיך פאַרמאָסטן אויפן יידישן פאָלק, גע־רודפט, געפּלאָגט, געהרגעט און אים געוואָלט פאַרטיליקן. אָבער צום סוף, זענען זיי אַליין, איינער דורך דעם צווייטן, באַזיגט געוואָרן און פאַרשוווּנדן פון דער געשיכטלעכער אַרענע.

לויט אַזאַ אינטערפּרעטאַציע, פּאַסט זיך טאַקע גוט אַריין דאָס דאָזיקע ליד אין דער „הגדה".

צום סוף, דערלויב איך מיר אָנצווּווייזן אויף געוויסע לינגוויסטישע מאַניפּולאַציעס: ס'איז פֿאַראַן אַ יידישער זאָג „ער זיצט אין דער קאָזע" און "מ'האָט אים איינגעזעצט אין חד גדיא". שטעלט זיך אַ פֿראַגע: פֿון וואַנען נעמען זיך אַזעלכע אויסדרוקן?

דער תּירוץ, מעגלעך, געפֿינט זיך אין דעם: דאָס ליד "חד גדיא" באַהאַנדלט דאָס פּראָבלעם פֿון גערעכטיקייט, פֿון משפּט און דאָס וואָרט חד גדיא קלינגט ענלעך צום שפּאַנישן וואָרט juzgado (כוזגאַדאָ), וואָס מיינט אַ געריכט, אַ בית־משפּט, ווו עס ווערט אויסגעמאָסטן די גערעכטיקייט, און אין פֿאָלקס־לשון איז עס טראַנסמיטירט געוואָרן אויך אויף אַרעסט, תּפֿיסה, ווו עס ווערט אויסגעפֿירט דער גזר־דין, די שטראָף. בכן פֿון juzgado — חד גדיא איז אַרויסגעקומען "זיצן אין חד גדיא ד. ה. אין אַרעסט.

און איצט אַ צווייטע עטימאָלאָגישע טראַנספאָרמאַציע:
פון אַ ציגעלע איז געוואָרן אַ קאָזעלע, פון אַ ציג — אַ קאָזע.
און אַז חד גדיא, די ציג, איז געוואָרן אידענטיש מיט אַ תפיסה,
איז אַ קאָזע שוין אויך דאָס זעלבע. אַזוי אַרום האָט זיך גע־
שאַפן דער זאָג: זיצן אין דער קאָזע, וואָס ווערט אויך באַנוצט
אין דער פוילישער שפּראַך.

חד גדיא

אַ ציגעלע, אַ קליינס,
האָט טאַטעלע מײַנס
געקויפט פראַנק און פרײַ
פאַר גאַנצע גילדן צוויי.
געקומען איז צו לויפן
אויף אונדזערע הויפן
עפּעס אַ קאַץ, אַ ווילדע
און אויף שטיקער צעפּרעסן
דאָס ציגעלע, דאָס מילדע.
אָבער גיך און געשווינד
איז אָנגעלאָפן אַ בייזער הונט,
די ווילדע קאַץ צעביסן
זי אויף שטיקער צעריסן.

און באַלד האָט זיך באַוויזן
אַ לאַנגער, גראָבער שטעקן
מיט שאַרפע צוויי עקן
און האָט דערשלאָגן אַצינד
דעם אַ בייזן הונט.
האָט זיך אַ פײַער צעברענט
און דעם גראָבן שטעקן פאַרלענדט.
האָט דאָס וואַסער זיך צעגאָסן
און דאָס פײַער פאַרלאָשן.
איז אַן אָקס אָנגעלאָפן
זיך מיטן וואַסער אָנגעזויפן
ביז צום לעצטן טראָפן.

איז באַלד געקומען אויכעט
מיט זײַן חלף דער שוחט
און אָן טראַכטן און באַדאַכטן
דעם שטאַרקן אָקס אַוועקגעשאָכטן.
איצט האָט דער מלאך־המות
גאָר נישט אויף קיין קאַטאָוועס
זײַנע שוואַרצע פליגל ברייט
איבער דעם שוחט אויסגעשפּרייט.
און צום סוף אויך האָט
אונדזער גרויסער גאָט
דעם מלאך־המות אַליין
מער נישט געלאָזט אַרומגיין.

געטויט דעם מלאך־המות,
וואָס נישט אויף קיין קאַטאָוועס
האָט געטויט דעם שוחט,
וואָס האָט דעם אָקס אויבעט
אַזוי בלוטיק בולט
פאַרגלאָצט — אַוועקגעקוילעט,
וואָס האָט דאָס וואַסער
אין גאַנצן אויסגעטרונקען,
וואָס האָט פאַרלאָשן
דאָס פײַער מיט די פונקען,
וואָס האָט דעם שטעקן פאַרברענט,
וואָס האָט דעם בייזן הונט פאַרלענדט,
וואָס האָט די ווילדע קאָץ צעביסן,
וואָס האָט דאָס ציגעלע צעריסן,
דאָס ציגעלע — דאָס קליינע,
דאָס ווײַסינקע, דאָס ריינע,
אָן שולד, אָן זינדן,
וואָס האָט טאַטעלע מײַנס
געקויפט פאַר צוויי גילדן.
חד גדיא, חד גדיא.